בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# לוּיטֶערֶע אוֹיגְן

דֶער קוּנְטְרֵס בְּרֶענְגְט אַרוֹיס ווִי אַזוֹי דֶער יֵצֶר הָרַע ווִיל נָאר מְטַמֵא זַיין דִי אוֹיגְן פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן מִיט דֶעם זֵיי אַוֶועקְנֶעמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיז מְעוֹרֵר אוּן מְחַזֵק זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן, מִיט עֵצוֹת ווִי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת.

אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף אִידִישׁ פוּנֶעם קוּנְטְרֵס "קְדֻשַּׁת עֵינַיִם" פוּן הָרַב הַגָּאוֹן הַצַדִיק, עַמוּד הָאֱמוּנָה, וָואס בְּרֶענְגְט אַריין דִי הֵיילִיגֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

## כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

**רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָדוֹשׁ

**רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהש"ת
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**באראַ פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראָוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י

## קרן הדפסה
## היכל הקודש

2623 State Route 52
Liberty, NY 12754

**718.387.2691**

www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב

**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב

**212.444.9169**

# לױטעֶרֶע אױגְן

## א

### מְ׳דַארְף גוּט קֶענֶען דֶעם פַּיינְט

דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין תְּהִלִּים (ק״א, ו׳) ״עֵינַי בְּנֶאֶמְנֵי אֶרֶץ״, אֱמוּנָה וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי אוֹיגְן, וֶוען אַ אִיד שְׁטַארְקְט זִיךְ צוּ הִיטְן זַיינֶע אוֹיגְן, דַאן אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע און רֵיינֶע אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט און עֶר שְׁפִּירְט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִּירְט דִי וֶועלְט, און אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. אֲפִילוּ דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, וואוּ עֶס זֶעט אוֹיס וִוי אַלֶעס פִּירְט זִיךְ בְּדֶרֶךְ

הַטֶבַע, אִיז אָבֶּער דֶער אֱמֶת אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִּירְט יֶעדֶע רִיר.

וֶוען אַ אִיד הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, הָאט עֶר אַ גֶעשְׁמַאקֶע און פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן אויף דֶער וֶועלְט. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט און עֶר וֵוייסְט קְלָאר אַז קֵיינֶער קֶען אִים גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, עֶס קֶען נִישְׁט פַּאסִירְן צוּ אִים קַיין שוּם שְׁלֶעכְטְס, אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דַאן אִיז עֶר אַ פְּרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ, גָארְנִישְׁט קֶען אִים צֶעבְּרֶעכְן, גָארְנִישְׁט קֶען אִים אַרָאפְּוַוארְפְן, וַוייל עֶר לוֹיפְט אַלֶעמָאל צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן וֶוען עֶר וֶועט זִיךְ קוּמֶען בֶּעטְן בַּיי אִים.

װען אַ מענטש פֿאַלט אַבער אַראָפּ פֿון זײַן אמונה, ער פֿאַרגעסט פֿונעם אײבערשטן, דאַן האָט ער אַ ביטערע און שװערע לעבן, ער איז אַלעמאָל טרויעריג און צעבראָכן, און ער האָט נישט מיט װאָס זיך צו שטאַרקן װען זײַן לעבן גײט נישט אַזױ װי ער װיל.

אונזער אַרבעט אויף די װעלט איז זיך צו שטאַרקן אין אמונה, זיך צוצוקלעבן צום אײבערשטן װי מער, צו טראַכטן נאָר פֿונעם אײבערשטן, און צו זען נאָר דעם אײבערשטן פֿאַר אונזערע אויגן; פֿון די אַנדערע זײַט װיל אָבער דער אײבערשטער אַז דער מענטש אַלײן זאָל האָבן אַ בחירה און ער זאָל אַלײן אויסװעלן צו זײַן װאױל און ערליך, דעריבער האָט ער באַשאַפֿן אַ יצר הרע אויף דער װעלט, װאָס ער איז אונזער גרעסטער פֿײַנט, ער װיל אונז נאָר אונטער ברענגען, ער װיל אונז נאָר אַװעק שלעפּן פֿונעם אײבערשטן, ער

וויל אונז מאכן פארגעסן פונעם אייבערשטן, און מיט דעם אונז דערביטערן דאס לעבן אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

עס איז זייער וויכטיג אז מיר זאלן גוט קענען אונזער פיינט, מיר זאלן גוט וויסן וואס ער וויל פון אונז, און וואס זענען זיינע עצות און טאקטיקן ווי אזוי ער וויל אונז אונטער ברענגען; און אזוי וועלן מיר וויסן ווי אזוי זיך צו שלאגן מיט אים, ווי אזוי געראטעוועט צו ווערן פון זיינע בלוטיגע נעגל, און נישט ווערן פארפירט פון זיינע שעדליכע פלענער.

די שטערקסטע געווער וואס דער יצר הרע נוצט, איז צו שמוציג מאכן די אויגן פון א איד, אזוי ווי חז"ל זאגן (סנהדרין מ"ה.) "אין יצר הרע שולט אלא במה שעיניו רואות", דער יצר הרע קען ארבעטן אויף א מענטש נאר נאכדעם וואס ער איז אים מכשיל צו קוקן

אויף שלעכטע זאכן, דער יצר הרע ווייסט אז ווי נאר ער וועט מכשיל זיין א איד צו קוקן אויף אויסגעלאסענע פרויען, צו קוקן שמוץ, דאן וועט ער אים שוין האבן אין די האנט, ער ווייסט אז דאס וועט שוין פירן דעם מענטש טיף אראפּ אין דער ערד, ער וועט שוין טון נאך הארבערע עבירות, ביז דאס וועט אים איננאנצן אוועקנעמען פונעם אייבערשטן, אזוי ווי חז"ל זאגן (ברכות י"ב:) אויפ'ן פסוק (במדבר ט"ו, ל"ט) "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם; אחרי לבבכם - זו מינות, אחרי עיניכם - זה הרהור עבירה". דער פסוק זאגט אונז אן אז מיר זאלן נישט נאכגיין נאך די עבודה זרה'ס און אויך נישט נאך נאוף, ווייל גלייך ווען א מענטש פאלט אריין אין די שמוציגע הארבע עבירות פון נאוף רחמנא ליצלן, וועט ער שוין צוקומען אויך צו מינות, ער וועט שוין ווערן איננאנצן אוועקגעריסן פונעם אייבערשטן.

אינעם היינטיגן דור באגנוגנט זיך שוין נישט דער יצר הרע בלויז מיט דעם וואס ער פילט אן די גאס מיט שמוץ, אז ווען מען גייט ארויס אויפ׳ן גאס זאל מען זיך אנטרעפן מיט אויסגעלאסנקייט, מיט זאכן וועלכע ציען דעם אויג צו קוקן אויף שלעכטס; נאר ער האט אויך צוגעשטעלט אסאך וועגן ווי אזוי דער מענטש קען זיצן ביי זיך אינדערהיים, ער קען זיין אויף א באהאלטענעם ארט, און דארט זאל ער קענען גרינגערהייט זען די שמוץ פון די גאנצע וועלט רחמנא ליצלן, סיי מיט שמוציגע בילדער און מאגאזינען, און סיי מיט שמוציגע עקלהאפטיגע ווידיאס רחמנא ליצלן; און א מענטש איז דאך נאר א מענטש, א מענטש ווערט זייער שטארק נאכגעצויגן נאך שמוציגע זאכן, און דאס איז דער וועג ווי אזוי דער יצר הרע כאפט אריין מענטשן צו זיך אין זאק אריין.

דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז עֶר וֶועט זִיךְ נָאר אַבִּיסְל נָאכְגֶעבְּן זַיינֶע תַּאֲווֹת צוּ קוּקְן שְׁמוּץ, עֶר ווִיל זִיךְ פָּשׁוּט אַבִּיסְל אוֹיסְלוּפְטֶערְן דוּרְכ׳ן קוּקְן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז עֶר שְׁפַּאצִירְט מִיט דֶעם אַרַיין אִינֶעם נֶעץ וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט פַאר אִים.

ווִי נָאר דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט מַכְשִׁיל גֶעוֶוען דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט שְׁמוּץ, קֶען עֶר שׁוֹין גֵיין מִיט אִים וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער. מִיט דֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ לִיגְט אִין שְׁמוּץ, וֶוערְט אָפְּגֶעקִילְט בַּיי אִים דִי אֱמוּנָה, עֶר פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דַאן קֶען שׁוֹין דֶער מֶענְטְשׁ עוֹבֵר זַיין אוֹיף דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

וֶוען אַ אִיד הַאלְט אָבֶּער קָאפּ אוּן זֶעט וָואס דָא גֵייט פָּאר, עֶר כַאפְּט אוּן פַארְשְׁטֵייט אַז דָאס אִיז זַיין נִסָיוֹן, דֶער יֵצֶר הָרַע ווִיל אִים נָאר אַרַיינְוַוארְפְּן אִין שְׁמוּץ, וַוייל אַזוֹי קֶען עֶר אִים גְרִינְגֶערְהֵייט אִינְגַאנְצְן הַרְגְ׳נֶען

און צוּנֶעמֶען פוּן אִים דִי וֶועלְט און יֶענֶע וֶועלְט; דַאן וֶועט עֶר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּן אִים, נָאר עֶר וֶועט פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן נִישְׁט אַרַיינְצוּפַאלְן אִינֶעם נֶעץ פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע. אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט אִים אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, וֶועט עֶר זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן זִיךְ צוּרִיק צוּ הַאלְטְן און נִישְׁט קוּקְן קַיין שְׁמוּץ.

דָאס אִיז דִי מִלְחָמָה פוּן עֲמָלֵק וָואס גֵייט אָן נָאךְ בִּיזְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג, עֲמָלֵק וִויל מְטַמֵא זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער און אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין זֵיי סְפֵיקוֹת אִין דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת י״ז, ז׳) ״הֲיֵשׁ ה׳ בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן״, און מִיר דַארְפְן מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט אִים און אִים אוֹיסְמֶעקְן פוּן אוּנְזֶער הַארְץ, זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּן אִים, נָאר אַדְרַבָּה מִיר דַארְפְן זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן גָאר שְׁטַארְק אִין דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, צוּ וִויסְן און גֶעדֶענְקֶען אַלֶעמָאל אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

פירט די וועלט, און מיר דארפן נאר זען דעם אייבערשטן וואס באהאלט זיך אין יעדע זאך פון דער וועלט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן א'). נאר מיט א שטארקע אמונה קען מען זיך ראטעווען פון די בלוטיגע נעגל פונעם יצר הרע.

עס זאגט זיך זייער גרינג אז מ'דארף האבן אמונה און זיך צוריק האלטן פון צו קוקן אויף זאכן וואס מען טאר נישט, למעשה איז דאס אבער גאר א שווערע זאך, דער יצר הרע ברענט און פלאקערט אינעם מענטש און לאזט אים נישט מנוחה, ספעציעל איינער וואס ליגט שוין א לאנגע צייט אין שלעכטע זאכן, איז אים גאר שווער זיך אפצוברייסן דערפון. מען דארף אבער געדענקען אז ווי שווערער עס קומט אן פאר'ן מענטש, אלץ מער איז דאס גאר חשוב ביים אייבערשטן. דער אייבערשטער האט א געוואלדיגע נחת רוח פון א איד

וָואס עֶס קוּמְט אִים אוּנְטֶער אַ נִסָיוֹן צוּ טוּן שְׁמוּץ אָדֶער צוּ קוּקְן שְׁמוּץ, און עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת און עֶר הַאלְט זִיךְ צוּרִיק דֶערְפוּן, עֶר לוֹיפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר זָאל גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּנֶעם שְׁוֶוערְן בִּיטֶערְן יֵצֶר הָרַע; ווִי וואוֹיל און וִוי גוּט אִיז פַאר דֶעם מֶענְטְש סֵיי אוֹיף דִי וֶועלְט און סֵיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

## ב

## סְ'לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט

חַזַ"ל זָאגְן (יוּמָא ע"ד:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (קֹהֶלֶת ו', ט') "טוֹב מַרְאֵה עֵינַיִם מֵהֲלָךְ נָפֶשׁ", עֶס אִיז עֶרְגֶער דָאס קוּקְן אוֹיף פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן און אוֹיף שְׁמוּץ, וִוי דָאס טוּן דִי עֲבֵירָה אַלֵיין. פַארְוָואס אִיז דָאס אַזוֹי הַארְבּ? וַוייל דָאס אִיז דֶער טִיר, דָאס אִיז דֶער וֶועג וָואס פִירְט אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְש צוּם שְׁאוֹל תַּחְתִּית אַרַיין רַחֲמָנָא

לִיצְלָן, אַזוֹי ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (נְדָרִים כ׳.) "כָּל הַצּוֹפֶה בְּנָשִׁים, סוֹפוֹ בָּא לִידֵי עֲבֵירָה", וֶוער עֶס קוּקְט אוֹיף פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן, וֶועט צוּם סוֹף צוּקוּמֶען צוּ עֲבֵירוֹת. דֶער יֵצֶר הָרַע הוֹיבְּט אָן מִיט דֶעם, צוּ מַכְשִׁיל זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ מִיטְ׳ן קוּקְן שְׁמוּץ, אוּן נָאכְדֶעם פִירְט עֶר אִים אִינְגַאנְצְן אַרָאפּ פוּן וֶועג, עֶר מַאכְט קַאלְט זַיין אֱמוּנָה, אוּן דַאן קֶען עֶר שׁוֹין עוֹבֵר זַיין אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט זִיךְ נִישְׁט בַּאצַייטְנְס אַז עֶר גֵייט אוֹיפְ׳ן נִישְׁט רִיכְטִיגְן וֶועג אוּן עֶר טוּט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, דַאן וֶועט אִים זַיין זֵייעֶר בִּיטֶער אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה ג׳:) "כָּל הָעוֹבֵר עֲבֵירָה אַחַת בָּעוֹלָם הַזֶה, מְלַפַּפְתּוֹ וְהוֹלֶכֶת לְפָנָיו בַּיוֹם הַדִין, וּקְשׁוּרָה בּוֹ כְּכֶלֶב", אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז עֶר הָאט זִיךְ גוּט בַּאהַאלְטְן, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואסֶערֶע

שְׁמוּץ עֶר קוּקְט בַּאהַאלְטֶעְנֶערְהֵייט, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר טוּט אַלְץ אָפּ בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט, עֶר כַאפְּט אָבֶּער נִישְׁט אַז דִי עֲבֵירָה וֶוערְט צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אִים אוּן גֵייט מִיט אִים מִיט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. אַזוֹי וִוי אַ הוּנְט וָואס לוֹיפְט נָאךְ אַ מֶענְטְשׁ אוּן וִויל אִים נִישְׁט אָפְּלָאזְן, אַזוֹי וֶועלְן זַיינֶע עֲבֵירוֹת אִים נָאכְלוֹיפְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. אוּן וִוי גְרוֹיס וֶועט זַיין דִי בּוּשׁוֹת וֶוען יֶעדֶער וֶועט זֶען אָפְן אוּן קְלָאר אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט אַלְץ אָפְּגֶעטוּן רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

נִישְׁט נָאר אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט עֶר לַיידְן פוּן דֶעם, נָאר אוֹיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט בְּרֶענְגְט דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף זִיךְ פִילֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים מִיט יֶעדֶע עֲבֵירָה וָואס עֶר טוּט רַחֲמָנָא לִיצְלָן. חֲזַ״ל זָאגְן (קֹהֶלֶת רַבָּה, פַּרְשָׁה ד׳, סִימָן י״ג) ״בְּשָׁעָה שֶׁהוֹלֵךְ אָדָם לַעֲבֹר עֲבֵירָה, אֵינוֹ רוֹאֶה שֶׁיֵּשׁ לוֹ בֶּן שֶׁיָּמוּת בַּעֲווֹנוֹתָיו, וְאֵינוֹ רוֹאֶה שֶׁיֵּשׁ לוֹ אָח שֶׁיִּתְבַּיֵּשׁ

מִמֶנוּ״, וֶוען אַ מֶענְטְש גֵייט עוֹבֵר זַיין אוֹיף אַן עֲבֵירָה, זֶעט עֶר גָארְנִישְׁט אַז אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט אִיז מֶען אִים שׁוֹין דַן אוֹיבְן אִין הִימְל אַז זַיין קִינְד זָאל שְׁטַארְבְּן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, עֶר כַאפְּט נִישְׁט וִוי יֶעדֶער וֶועט זִיךְ שֶׁעמֶען מִיט אִים.

פוּן מֶענְטְשְׁן קֶען מֶען זִיךְ טַאקֶע בַּאהַאלְטְן, אָבֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נִישְׁט. חֲזַ״ל זָאגְן (סוֹטָה ג׳.) ״אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה בְּסֵתֶר, וְהַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַכְרִיז עָלָיו בְּגָלוּי״, אַ מֶענְטְש טוּט אַן עֲבֵירָה בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט, אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דֶעקְט דָאס אוֹיף אוּן וַוייזְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן. נָאךְ זָאגְן חֲזַ״ל (חֲגִיגָה ט״ז.) ״כָּל הָעוֹבֵר עֲבֵירָה בְּסֵתֶר, כְּאִלוּ דוֹחֵק רַגְלֵי הַשְׁכִינָה״, וֶוען אַ מֶענְטְש טוּט אַן עֲבֵירָה בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט, שְׁטוּפְּט עֶר אַוֶועק דִי שְׁכִינָה פוּן זִיךְ, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְש זָאל הָאבְּן אֱמֶת׳דִיג אֱמוּנָה

און וויסן אַז דער אייבערשטער איז איבעראל און זעט אַלעס, וואלט ער זיך דאך געשעמט און מורא געהאט פונעם אייבערשטן און ער וואלט נישט געטון די עבירה.

מיט יעדע בליק וואס אַ מענטש געבט אויף שלעכטע זאכן, מאכט ער מיט דעם אַ פלעק אויף זיין נשמה, ער רייסט אויס זיין לעבן און ער ברענגט אויף זיך אַזויפיל צרות און יסורים סיי אויף די וועלט און סיי אויף יענע וועלט.

דעריבער דארף אַ איד זיך כאפן באַצייטנס און שנעל תשובה טון, איידער עס איז שוין צו שפעט. דער אייבערשטער איז אַן אב הרחמן, ער האט רחמנות אויף יעדן איד, ער וויל נישט באַשטראפן און ער וויל נישט פארשעמען קיין שום מענטש, ער ווארט נאר אַז דער

מענטש זאל זיך אפלאזן פון זיינע שלעכטע מעשים און צוריק קומען צו אים.

דער עיקר תשובה איז זיך אפצולאזן פון די אלע שלעכטע זאכן וואס מען האט געטון ביז היינט, און אנהויבן זיך אכטונג צו געבן אויף די אויגן נישט צו קוקן מער אויף וואס מען טאר נישט קוקן. חז"ל זאגן (דרך ארץ רבה, פרק א') "כל הרואה דבר ערוה, ואינו זן את עיניו ממנו, זוכה ומקבל פני שכינה", ווען עס קומט אונטער פאר א מענטש א נסיון צו קוקן שמוץ, און ער האלט זיך צוריק און ער קוקט נישט, ער טוט תשובה אויף אלעס וואס ער האט געטון ביז יעצט, פון יעצט האלט ער זיך שוין צוריק פון צו קוקן וואס מען טאר נישט, דאן איז דער אייבערשטער אים אלעס מוחל, און ער איז זוכה צו זען און שפירן און הנאה האבן פון די הייליגע שכינה.

## ג

### ווי אזוי קריך איך ארויס פון שמוץ?

ברודער טייערער, איך ווייס אז דו ביסט יעצט אין א פארלעגנהייט; פון איין זייט ווייסטו דאך ווי הארב עס איז דאס קוקן אויף פרעמדע פרויען און שמוץ, און ווי ווייט דאס שאדט פאר דיר, עס נעמט דיר אוועק פונעם אייבערשטן, עס נעמט אוועק פון דיר די אמונה, און מאכט דיר פאר א דערביטערטער מענטש, עס ברענגט נאר אזויפיל צרות און יסורים אויף דיר, און עס וועט דיר באגלייטן אויך אויף יענע וועלט רחמנא ליצלן; אבער פון די אנדערע זייט ביסטו דאך אזוי אריינגעזינקען אין דעם און דו זעסט נישט קיין וועג ארויס. האסט זיך שוין צוגעוואוינט פאר אזוי לאנג נישט צו היטן די אויגן, דו מוזט קוקן אויף יעדע פרוי וואס דו זעסט אויפ'ן גאס און דו ביסט אזוי שטארק

צוגֶעבִּינְדֶען צו שְׁמוּצִיגֶע מַאגַאזִינֶען, שְׁמוּצִיגֶע בִּילְדֶער, און שְׁמוּצִיגֶע מָאוִויס, בִּיז עֶס אִיז שׁוין גֶעוָוארְן בַּיי דִיר וִוי אַ נַאטוּר, און דו קֶענְסְט נִישְׁט גְלֵייבְּן אַז דו קֶענְסְט נָאךְ וֶוערְן אַמָאל אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ און זִיךְ אָפְּלָאזְן פון דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

זָאלְסְטוּ אָבֶּער גוט וִויסְן אַז קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַּארְהַאן, סֵיי וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט שׁוין גֶעטון אִין זַיין לֶעבְּן, סֵיי וִויפִיל אַ מֶענְטְשׁ אִיז שׁוין דורְכְגֶעפַאלְן אִין זַיין לֶעבְּן, הָאט עֶר נָאךְ אָבֶּער אַלֶעמָאל אַ וֶועג אַרויס, עֶר קֶען נָאךְ תְּשׁוּבָה טון, און עֶר קֶען זִיךְ נָאךְ אַרויסְדְרֵייעֶן פון זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעוואוינְהֵייטְן.

דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי אָנְצוּקוּמֶען צו דֶעם אִיז נָאר דורְכְ'ן רֶעדְן צום אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדְן טָאג זִיךְ אויסְצוּשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן און אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער, זָאגְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן

דעם גאַנצן אמת אַז מען האָט אַ ברענענדיגער יצר הרע װאָס לאָזט נישט מנוחה, ער פלאַקערט אינעם מענטשס הארץ און ער איז אים מכשיל נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל מיט אַלע סאָרט שלעכטע זאַכן רחמנא ליצלן.

דער אײבערשטער שטײט און קוקט אױפ׳ן מענטש און ער װיל זען צו װעמען דער מענטש װעט זיך װענדן אין זײן שװערע מצב, װען דער אײבערשטער זעט װי דער איד קומט צו אים און װײנט זיך אױס צו אים איבער זײנע שװעריקײטן, װי אַזױ ער איז אַזױ שטאַרק פאַרכאַפּט אינעם נעץ פונעם יצר הרע, ער בעט זיך בײם אײבערשטן אַז ער זאָל שױן רחמנות האָבן אױף אים און אים ראַטעװען; דאַן װעט דער אײבערשטער זיכער זיך מרחם זײן אױף אים און אים אַרױסהעלפן אין זײן פּלאָנטער.

חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת, פֶּרֶק א', הֲלָכָה ה') "אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, יְהָבְתְּ לִי לִבָּא וְעֵינָא, אֲנָא יָדַע כִּי אַתְּ לִי", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר אַ אִיד: "אוֹיב גֶעבְּסְטוּ מִיר דַיין הַארְץ און דַיינֶע אוֹיגְן, דַאן וֵויס אִיךְ אַז דוּ בִּיסְט מַיינֶער!" וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן, וֶוערְט עֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ זֶעט אָבֶּער אַז וִויפִיל עֶר פְּרוּבִּירְט נָאר זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן, גֵייט עֶס אִים נִישְׁט; עֶר שֶׁעמְט זִיךְ פוּן זִיךְ אַלֵיין וִוי אַזוֹי עֶר פַאלְט נָאכְאַמָאל אַרַיין אִין שְׁמוּץ, עֶר שֶׁעמְט זִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס זֶעט אַלֶע שְׁמוּץ וָואס עֶר קוּקְט אַלְץ צוּזַאם בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט, דַאן וֶועט עֶר קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען און אוֹיסְרֶעדְן צוּ אִים, וַוייל נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס קֶען אִים הֶעלְפְן; און דַאן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶעס און עֶר וֶועט אִים הֶעלְפְן

אַרויסצוקְריכן פון זיין פלאנטער, אַזוי ווי חַזַ"ל זאָגן (בְּרָכוֹת י"ב:) "כָּל הָעוֹשֶׂה דְּבַר עֲבֵירָה וּמִתְבַּיֵּשׁ בָּהּ, מוֹחֲלִין לוֹ עַל כָּל עֲוֹנוֹתָיו", ווען אַ מענטש טוט אַן עֲבֵירָה, און ער שעמט זיך דערמיט, איז אים דער אייבערשטער מוחֵל אויף אַלע זיינע עֲבֵירוֹת.

עס גייט טאקע נישט אין איין טאג, אָבער ווי נאר אַ איד הויבט אָן רעדן צום אייבערשטן איז ער שוין אויפ'ן גוטן וועג וואס דאס וועט אים אַרויספירן פון אַלע זיינע פּראבלעמען. דער עִיקָר תְּשׁוּבָה איז "וִידּוּי דְבָרִים", צו דערציילן פאר'ן אייבערשטן אויף די אייגענע שפּראך אַלע עֲבֵירוֹת וואס מען האט געטון און וואס מען טוט. דאס נעמט אַראפּ פונעם מענטש אַלע דִינִים, און אַלע ביטערע שווערע עוֹנָשִׁים און שטראפן וואס דארפן קומען אויף אים צוליב זיינע עֲבֵירוֹת, אַזוי ווי דער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זאָגט (בְּרֵאשִׁית דַּף נ"ו.)

"כָּל מַאן דְאוֹדֵי עַל חֶטְאֵיהּ, קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא שָׁבִיק לֵיהּ וּמָחִיל עַל חוֹבֵיהּ", ווער עס איז זיך מודה צום אייבערשטן אויף זיינע עבירות, ער דערציילט פאר'ן אייבערשטן אלעס וואס ער האט געטון, איז אים דער אייבערשטער אלעס מוחל.

זיי נישט קיין נאר, נעם אראפ יעדן טאג אפאר מינוט צו רעדן צום אייבערשטן, דערצייל אים קלאר מיט אלע דעטאלן אלע שמוץ וואס דו האסט געקוקט, אלע שלעכטס וואס דו האסט געטון, וועסטו זען ווי דער אייבערשטער וועט דיר העלפן אז דו וועסט צוביסלעך זיך אפלאזן פון דיינע שלעכטע מעשים.

חז"ל זאגן (יומא פ"ו:) "גְדוֹלָה תְשׁוּבָה, שֶׁבִּשְׁבִיל יָחִיד שֶׁעָשָׂה תְשׁוּבָה, מוֹחֲלִים לְכָל הָעוֹלָם כּוּלּוֹ", תשובה איז אזוי גרויס, אז ווען איינער טוט תשובה, איז מען מוחל אלע עבירות פאר די גאנצע וועלט. א

מֶענְטְשׁ וֵוייסְט גָארְנִישְׁט וָואס עֶר קֶען אוֹיפְטוּן מִיט זַיין תְּשׁוּבָה, עֶר קֶען דָאךְ רַאטֶעוֶועןְ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט זַיין תְּשׁוּבָה. מִיט דֶעם וָואס אַ אִיד וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי אַזוֹי עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין זַיין פְּלָאנְטֶער, צוּלִיבּ דִי גָאר שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס עֶס אִיז דָא הַיינְטִיגֶע צַייטְן, עֶס אִיז לֵיידֶער אַזוֹי גְרִינְג דוּרְכְצוּפַאלְן צוּ קוּקְן שְׁמוּץ, עֶס אִיז דָאךְ לֵיידֶער אַזוֹי גְרִינְג אָנְצוּקוּמֶען צוּ אַלֶע סָארְט שְׁמוּץ פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. קוּמְט אוֹיס אַז מִיט דֶעם וָואס אֵיין אִיד פַארְעֶנְטְפֶערְט זִיךְ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶערְצֵיילְט אִים דִי בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס עֶר הָאט, אוּן וִוי אַזוֹי עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט מִתְגַבֵּר זַיין אוֹיף זֵיי, וֶועט דָאס בְּרֶענְגֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחֲמָנוּת אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, וָואס לֶעבְּט אוֹיךְ אִין דֶעם שְׁוֶועךְן בִּיטֶערְן דוֹר, וֶוען עֶס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן צוּ זַיין עֶרְלִיךְ.

נעם דיר דאס גוט אריין אין קאפ, ווייל דאס איז דיין איינציגסטע ישועה און רפואה, קיינער אויף דער וועלט קען דיר נישט העלפן, נאר דער אייבערשטער אליין. אויב וועסטו האבן שכל און זיך אויסרעדן צום אייבערשטן יעדן טאג, דאן וועסטו געהאלפן ווערן, און האבן א גליקליכע לעבן אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

## ד

## געוואלד! זייט אייך נישט מייאש!

ברודער טייערער, תשובה העלפט אלעמאל, א איד איז קיינמאל נישט דערנאך; אפילו א מענטש האט שוין געטון די ערגסטע עבירות, אפילו ער איז שוין אריינגעפאלן אין די ערגסטע נידריגסטע עבירות, און אפילו א מענטש האט שוין עובר געווען אויף די גאנצע תורה רחמנא ליצלן; קען ער נאכאלץ ארויסקריכן פון

אַלֶעס, און עֶר קֶען גְרינגֶערְהֵייט צוּריק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט זִיךְ אָן און זֶעט אַז עֶר לִיגְט טִיף אִין שְׁמוּץ, עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דִי סָארְט עֲבֵירוֹת וָואס קְלֶעבְּן צוּם מֶענְטְשׁ און סְ'אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן דֶערְפוּן, דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּן שְׁלֶעכְטְס און עֶס גְלוֹיבְּט זִיךְ אִים נִישְׁט אַז עֶר קֶען נָאךְ אַמָאל פָּטוּר וֶוערְן דֶערְפוּן. אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ שׁוֹין אַיינְגֶעוואוֹינְט פַאר לַאנְגֶע יָארְן צוּ קוּקְן שְׁמוּץ, עֶר הָאט שׁוֹין פַארְבְּרֶענְגְט אַזוֹיפִיל טֶעג און וָואכְן מִיט קוּקְן שְׁמוּצִיגֶע מָאוִויס, אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע גֶעמֵיינֶע עֶקְלְדִיגֶע בִּילְדֶער און וִוידִיאָס; און עֶס אִיז נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן בַּיים קוּקְן, נָאר דָאס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיךְ עוֹבֵר צוּ זַיין אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה

רחמנא ליצלן, און טון נאך הארבערע עבירות פון נאוף און שמוץ; וואס ווען א מענטש פאלט אריין אין די זאכן איז טאקע זייער שווער פטור צו ווערן דערפון; פון דעסט וועגן איז אויך פון דארט דא א וועג ארויס. ווי נאר א איד קומט צוריק צום אייבערשטן, ער זיך מתוודה פאר אים און בעט אים זיין הילף, וועט דער אייבערשטער גלייך אננעמען זיין תשובה און אים אלעס מוחל זיין.

חז"ל זאגן (במדבר רבה כ׳, י"ג) אז בלעם הרשע האט געוואוסט דעם סוד אז עס איז נישט קיין חילוק ווי ווייט א מענטש איז נאר געפאלן קען ער אין איין סעקונדע צוריק קומען צום אייבערשטן. ווען ער איז געווען אויפ׳ן וועג צו שעלטן די אידן האט אים דער מלאך געוואלט הרג׳ענען, און דאן האט בלעם געזאגט "חטאתי - איך האב געזינדיגט", ווייל ער האט

געוואוסט אז תּשובה איז די זאך וואס קען צוריק האלטן יעדע סארט שטראף, ווי נאר א מענטש זאגט ארויס פאר'ן אייבערשטן אז ער האט געזינדיגט, דאן קען שוין קיין שום מלאך אים נישט אנרירן און שלעכטס טון.

אזוי ווי ער האט אבער געוואוסט דעם סוד אז אפילו אויב די אידן וועלן אריינפאלן אין די ערגסטע עבירות, קענען זיי אין איין מינוט תּשובה טון און דער אייבערשטער וועט זיי אלעס מוחל זיין, דעריבער איז געווען זיין עצה צו האלטן אין איין שעלטן און דערנידערן די אידן, מיט'ן ציל צו צעברעכן זייער מוט, אז זיי זאלן ווערן אזוי שטארק געפאלן ביי זיך אז זיי זאלן שוין אפילו נישט וועלן תּשובה טון, אז זיי זאלן זיך איינגאנצן מייאש זיין און מער נישט פּרובירן אפילו צוריק צו קומען צום אייבערשטן. דאס איז וואס דער

יֵצֶר הָרַע טוּט, עֶר ווִיל נָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אײַנְרֶעדְן אַז עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין גֶעטוּן אַזוֹיפִיל עֲבֵירוֹת אוּן אַזֶעלְכֶע הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים שׁוֹין מֶער נִישְׁט הָאבְּן.

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז ווִי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט, קֶען עֶר נָאךְ אַלֶעס פַארֶעכְטְן. חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק ד'): "אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת, אוֹיב טוּט עֶר תְּשׁוּבָה, נֶעמְט דָאס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָן אוּן אִיז אִים גְלַייךְ מוֹחֵל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְגֶעסְט פוּן דִי אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן". נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (תּוֹרַת כֹּהֲנִים, בְּחֻקּוֹתַי) "אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, מִיַּד שֶׁהֵם מִתְוַדִּים עַל עֲווֹנוֹתֵיהֶם, מִיַּד אֲנִי חוֹזֵר וּמְרַחֵם עֲלֵיהֶם", וֶוען אַ אִיד אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאגְט אוֹיס פַארְ'ן

אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן, דַאן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אִים צוּרִיק נֶעמֶען צוּ זִיךְ.

אַ מֶענְטְש קֶען טְרַאכְטְן אַז עֶר הָאט דָאךְ שׁוֹין גֶעטוּן אַזוֹיפִיל עֲבֵירוֹת אִין לֶעבְּן, אַז וִויפִיל עֶר וֶועט נָאר תְּשׁוּבָה טוּן וֶועט נִישְׁט זַיין גֶענוּג, עֶר הָאט נִישְׁט גֶענוּג טֶעג אוּן יָארְן אִין זַיין לֶעבְּן צוּ קֶענֶען פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט פַארְדָארְבְּן. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט נָאר אַז דֶער מֶענְטְש זָאל זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, אוּן וִוי נָאר אַ מֶענְטְש בֶּעט אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ שׁוֹחֵר טוֹב, תְּהִלִּים ה׳) "עוֹמֵד אָדָם וְעוֹשֶׂה גְדוּשִׁים שֶׁל עֲבֵירוֹת, אוֹמֵר

הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, יַעֲשֶׂה אָדָם תְּשׁוּבָה, וּכְמוֹ שֶׁלֹא חָטָא״, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין אָפְּגֶעטוּן הוֹיפֶענֶעס פוּן עֲבֵירוֹת, זָאגְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז וִוי נָאר עֶר וֶועט צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים אוּן תְּשׁוּבָה טוּן, וֶועט עֶר אִים גְלַייךְ אַלֶעס מוֹחֵל זַיין.

חֲזַ״ל זָאגְן (מֶדְרָשׁ שׁוֹחֵר טוֹב, תְּהִלִים קי״ט) ״שֶׁעָשׂוּ תְּשׁוּבָה, וְשָׁפְכוּ לִבָּם כַּמַיִם לִפְנֵי הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה״, דֶער עִיקָר וֶועג פוּן תְּשׁוּבָה אִיז אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע עֲבֵירוֹת אִין וָואס עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן, אוּן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן דֶערְפוּן.

דֶער יֵצֶר הָרַע וִויל נָאר צֶעבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר וֶועט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דִי

פִילֶע עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט שׁוֹין גֶעטוּן, דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט נָאר אַז עֶר וִויל תְּשׁוּבָה טוּן, אִיז עֶר שׁוֹין גְלַייך צוּרִיק בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (פְּסִיקְתָּא רַבָּתִי מ״ה, ט׳) ״תְּשׁוּבָה הָאט אַזַא גְרוֹיסֶער כֹּחַ, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט נָאר אִין הַארְץ אַז עֶר וִויל תְּשׁוּבָה טוּן, גֵייט עֶר נִישְׁט אַרוֹיף בְּלוֹיז צֶען מִיל, צְוָואנְצִיג מִיל, אָדֶער אֲפִילוּ הוּנְדֶערְט מִיל, עֶר גֵייט נִישְׁט אַרוֹיף בְּלוֹיז בִּיז צוּם עֶרְשְׁטְן הִימְל, אָדֶער צוּם צְוֵוייטְן הִימְל, נָאר עֶר שְׁטֵייט גְלַייך בַּיים כִּסֵא הַכָּבוֹד, עֶר אִיז שׁוֹין צוּרִיק בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין״, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (יוֹמָא פ״ו) ״גְדוֹלָה תְּשׁוּבָה, שֶׁמַּגַּעַת עַד כִּסֵא הַכָּבוֹד״, תְּשׁוּבָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז עֶס קוּמְט אָן בִּיז צוּם כִּסֵא הַכָּבוֹד.

דָאס אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט נָאר אַז עֶר וִויל תְּשׁוּבָה טוּן, וֶוער רֶעדְט נָאך וֶוען אַ אִיד רֶעדְט זִיך נָאך

אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי וַוייט עֶר לִיגְט אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁטַארְקְן אִיבֶּער אִים, עֶר דֶערְצֵיילְט פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע זַיינֶע דוּרְכְפֶּעלֶער אוּן עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִים גְלַייךְ מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס.

בְּרוּדֶער טַייעֶרֶער, יֶעצְט אִיז דִי צַייט. שׁוֹין גֶענוּג גֶעוֶועֶן מִיט דִי אַלֶע שְׁמוּץ, שׁוֹין גֶענוּג גֶעוֶועֶן מִיט דִי אַלֶע עֲבֵירוֹת אִין וָואס דוּ פְּרֶעגְלֶסְט זִיךְ. נֶעם דִיךְ יֶעצְט אִין דִי הֶענְט אַרַיין אוּן הוֹיבּ אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי טִיף דוּ לִיגְסְט אִין שְׁמוּץ, זֶע אָבֶּער זִיךְ צוּ הַאלְטְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים יֶעדְן טָאג וָואס דוּ טוּסְט אוּן וואוּ דוּ הַאלְטְסְט, פַּארְעֶנְטְפֶער זִיךְ פַּאר אִים, דֶערְצֵייל אִים דַיינֶע שְׁוֶועריקַייטְן, אוּן בֶּעט אִים זַיין הִילְף; וֶועסְטוּ זֶען אַז נִישְׁט נָאר דוּ אַלֵיין

וועסט געהאלפן ווערן און ארויסקריכן פון דיינע פראבלעמען, נאר מיט דיינע תפלות וועלן נאך פילע אידן אויפגעראכטן ווערן, און עס וועט דיר זיין גוט אויף די וועלט און אויף יענע וועלט אויבן אייביג.

**תם ונשלם שבח לאל בורא עולם**

# הספר
# הקדוש הזה

נדפס לטובת נשמת בעל מחבר
של הספר הזה מאור עינינו,
חיות נפשינו, עטרת ראשינו, כבוד
קדושת מרן הגה"ק רבי

## אליעזר שלמה

בן רבי

## מנחם זאב

זצוקללה"ה
נלב"ע י"ד שבט תשע"ה

**ת.נ.צ.ב.ה.**

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מורינו **ראש הישיבה** שליט"א
וזוגתו
**אסתר גיטל** תחי',
וילדיהם
**שלמה ומשפ',**
**אלחנן חיים ומשפ',**
**מרים הענִיא זיסל ומשפ',**
**שמעון, נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,**
**רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל.**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא
ויזכו לרות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם
אמן כן יהי רצון